# א מעשה'לע

גליון ט"ז
פרשת פנחס תשפ"ו
וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## לָאז זִיךְ
## נִישְׁט נַארְן

לָאמִיר אִים נָאכְלוֹיפְן...!

אַלֶע קִינְדֶער וואוּנְדֶערְן זִיךְ: 'וֶוער וֵוייסְט וָואס עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט? מִיר מוּזְן אִים נָאכְלוֹיפְן, מִיר מוּזְן זֶען וָואס עֶר הָאט דָארְט, עֶס זֶעט אוֹיס זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט'.

דִי קִינְדֶער לוֹיפְן, זֵיי לוֹיפְן אוּן לוֹיפְן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט; דֶער מְשׁוּגָע'נֶער אִיז אַרוּמְגֶעלָאפְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען אִים נָאכְגֶעלָאפְן, בַּיים סוֹף הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט זַיין הַאנְט אוּן... אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן נָאנְט,



מֶען קוּקְט אִין זַיין הַאנְט און מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט

מֶען קוּקְט אִין זַיין הַאנְט און מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט; עֶר הָאט אַלֶעמֶען אוֹיסְגֶעפָּאפְּט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר הָאט עֶפֶּעס אִין זַיין הַאנְט.

דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָואֹרְן זַייעֶר אַנְטוֹישְׁט, זֵיי הָאבְּן אַלֶע גֶעזָאגְט: "מֶעהֶהֶה...!!! אַ גַאנְצְן טָאג זֶענֶען מִיר אִים נָאכְגֶעלָאפְן, מִיר הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס גוּטֶע סְחוֹרָה, גוּטֶע זַאכְן; אַ שָׁאד אוּנְזֶער צַייט", - הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער גֶעזָאגְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ו)

אַזוֹי טוּט דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט אוּנְז, עֶר נַארְט אוּנְז אָפּ; עֶר וַוייזְט אוּנְז אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, אַלֶע מֵיינֶען אַז עֶפֶּעס גוּטְס לִיגְט אִין זַיינֶע הֶענְט, מֶען לוֹיפְט אִים נָאךְ, מֶען פָּאלְגְט אִים, בִּיז עֶר עֶפְנְט דִי הַאנְט; דֶעמָאלְט זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא קַיין גוּטְס בַּיי אִים.

ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס לוֹיפְט נָאךְ אַ צַדִיק, עֶר פָּאלְגְט אַ צַדִיק, וֶועט עֶר הָאבְּן פוּלֶע הֶענְט; עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן.

# ספר המידות

## תְּשׁוּבָה - חלק א'

כו. הָעוֹשֶׂה דְּבַר עֲבֵרָה וּמִתְחָרֵט בָּהּ, מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו.

כו. וֶוער עֶס טוּט אַן עֲבֵירָה און עֶר הָאט חֲרָטָה דֶערוֹיף, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.



קול ברסלב

212.444.9191

845.351.0910

צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691